בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת קֹרַח

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַוֶועק קִנְאָה צְוִוישְׁן חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער?.................................................... א

חַבַּ"ד אוּן בְּרֶסְלֶב זֶענֶען סוֹתֵר אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן?............... ב

מֶעגְן דִי מֵיידְלֶעךְ אִין מַיין אָפִּיס אַרְבֶּעטְן מִיט וָואטְסְעֶפּ? ....... ד

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, וֶוען אַ מְנֻוָּל הָאט מִיר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן?.................................................... ה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין אִינְגֶל וֶועלְן גֵיין אִין מִקְוֶה?............ ח

וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג כְּסֵדֶר?.............. י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי 'לִיכְט פוּן אֱמוּנָה' אִין עֶנְגְלִישׁ... א

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער ..... א

אַנְשְׁטָאט לוֹיפְן צוּ אַלְקָאהָאל, לוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה .................... ב

דָאס לֶעבְּן לוֹיפְט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, מֶען דַארְף אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן .................................................... ג

זַיי מְנַדֵּב צוּ דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוְון, וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב.................................................... ד

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועט זִי דִיר שִׁיקְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן.................................................... ה

דִי בָּחוּרִים זָאלְן אַרוֹיסְפָּאֹרְן לֶערְנֶען אוּם זוּמֶער
אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט..........................................ו

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק ..ו

פַארְלֶעשְׁן דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען ......ז

זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין חֵדֶר ..........................ח

וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען .....ט

נֶעם אַ טֵייל אִין אוּנְזֶער יֶערְלִיכֶער קָאמְפֵּיין ..........................י

בְּלַייבְּן וַוייטֶער גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..........................י

דִי מֶערְסְטֶע חִיזוּק דַארְפְן אִידִישֶׁע מַאמֶעס ..........................יב

דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי לֶעצְטֶע זַאךְ פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת -
אִיז דַאוְוענֶען..........................................יד

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט קוּמֶען שְׁנֶעל
צוּ דַיינֶע כּוֹחוֹת..........................................יד

זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט זוּכְן כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן ..............טו

צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען חִיזוּק פוּן
דִיר יֶעדְן טָאג..........................................יז

מֶען דַארְף נָאר תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן וַוייטֶער דִינֶען
דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן..........................................יח

נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן ..........................כ

הוֹיזְן פַאר אַ פְרוֹי אִיז פְּרִיצוּת ..........................כ

יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דַארְפְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפִּירְשְׁן .. כא

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת קוּמֶען קַיין שְׁטֶעטְל ..............כב

מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכוּת צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן..............כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַוֶועק קִנְאָה צְווִישְׁן חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טָאכְטֶער הָאט פַּארְיָאר חֲתוּנָה גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, זִי אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶע און צוּרִיקְגֶעצוֹיגֶענֶע, אָבֶער מַיין עֶלְטֶערֶע טָאכְטֶער אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, זִי אִיז זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיג און רֶעדְט אַ גַאנְצְן צַייט. און וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע בַּיי מִיר אוֹיף סְעוּדוֹת שַׁבָּת, רֶעדְט דִי עֶלְטֶערֶע דִי גַאנְצֶע צַייט און דִי יוּנְגֶערֶע רֶעדְט גָארְנִישְׁט, אִיךְ זֶע אוֹיף אִיר מַאן אַז עֶס טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי און דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ פְּרוּבִּיר אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִי זֶעלְבֶּע סְעוּדוֹת צוּ מִיר, אָבֶער אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַלְץ אַזוֹי אוֹיסַארְבֶּעטְן, אֶפְשָׁר הָאט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַ וֶועג וָואס צוּ טוּן וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אֵיידְל, דַיין שַׁבָּת טִישׁ זָאל זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער קוּמְט זִיךְ צַאם זָאל דָאס זַיין אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן. לֶערְן דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל, לֶערְן

זֵיי וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אִין גֶעגְנְוַואַרְט פוּן פְרֶעמְדֶע מֶענְער; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַּאר טֶעכְטֶער צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט טַאטֶע מַאמֶע, אָבֶּער אַז עֶס זִיצְן בַּיים טִישׁ פְרֶעמְדֶע מֶענְער, אֲפִילוּ שְׁוָואגֶערְס - דַארְפְן זֵיי וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ'.

דוּ דַארְפְסְט אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע טֶעכְטֶער צְנִיעוּת; עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ שְׁטִילֶע אוּן אֵיינֶער אִיז מֶער רֶעדֶעוְודִיג, אֲפִילוּ בֵּיידֶע וָואלְטְן גֶעוֶוען רֶעדֶעוְודִיג דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן בַּיים טִישׁ וֶוען עֶס זִיצְן שְׁוָואגֶערְס. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, מֶען מֵיינְט אַז מֶען מֶעג זִיךְ הַאלְטְן נָאנְט מִיט שְׁוָואגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס, עֶס אִיז גָאר הַארְבּ, עֶס אִיז דָא הֲלָכוֹת בַּיי הִלְכוֹת יִחוּד וֶוען מֶען קֶען מֵקִיל זַיין, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען עֶס אִיז 'בַּעְלָהּ בָּעִיר', אָבֶּער בַּיי נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה, שְׁוֶועגֶערִינְס, שְׁוָואגֶערְס, - דָארְט קֶען מֶען נִישְׁט נוּצְן דֶעם הֶיתֵּר, דָארְט אִיז הַארְבֶּער.

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיין שְׁטוּבּ, עֶר אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער, זִין אוּן טֶעכְטֶער - וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה קוּמְט זִיךְ צַאם, מֶען זִיצְט אֵיידְל, דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה (תְּהִלִּים קכח, ג): "בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים, סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַבַּ"ד אוּן בְּרֶסְלֶב זֶענֶען סוֹתֵר אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, אוּן פַארְ'ן סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", וואוּ אִיךְ טְרֶעף תְּשׁוּבוֹת אוֹיף כִּמְעַט אַלֶע מַיינֶע פְרַאגֶעס. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בִּין גֶעווֹאוֹיר גֶעוָוארְן אַז לֶעבְּן אִיז אַ זִיסֶע זַאךְ, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶוען עֶס אִיז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּזְכוּת דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֵיי אִיךְ יֶעצְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם צְוֵוייטְן מָאל, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין חֲקִירָה סְפָרִים, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי אֲמָרִים פוּנֶעם בַּעַל הַתַּנְיָא אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִין סִפְרֵי חֲקִירָה, אוּן בִּכְלַל אוֹיבּ דִי שִׁיטָה פוּן חַבַּ"ד אוּן בְּרֶסְלֶב זֶענֶען סוֹתֵר אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעווָאלְט דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּאר'ן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מִיר דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, ווָאס בְּרֶענְגְט אִין מִיר אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן רוּאִיגְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בִּכְלַל נִישְׁט; בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט חַבַּ״ד, בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט קַיין שׁוּם חֲסִידוּת אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט אַן אַנְדֶערְן, ווַייל כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעבּוֹיט אַזוֹי ווִי אַ גֶעשְׁטַאלְט, דֶער אִיז אֵיין חֵלֶק אוּן אַן אַנְדֶערֶער אִיז אַ צְווֵייטֶע חֵלֶק.

מוֹהֲרַא״שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, דִי צֶען סְפִירוֹת ווֶערְט אַיינְגֶעטֵיילְט אִין פִיר חֲלָקִים. דִי מְקוֹמוֹת ווָאס רֶעדְן אוּן לֶערְנֶען מוּסָר אוּן דְרוּשׁ, דָאס קוּמְט פוּן דִי סְפִירוֹת נֶ'צַח, הוֹ'ד, יְ'סוֹד אוּן מַ'לְכוּת, - רָאשֵׁי תֵּיבוֹת נְהִי״ם. דִי צְווֵייטֶע חֵלֶק אִיז אַלֶע חֲסִידִי'שֶׁע פְלֶעצֶער ווָאס הָאבְּן גֶעלֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעווִיכְט אוֹיף טוּן מִצְוֹת בְּשִׂמְחָה, טוּן מִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת, לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ' וְכוּ', דָאס קוּמְט פוּן דִי סְפִירוֹת חֶ'סֶד, גְ'בוּרָה אוּן תִּ'פְאֶרֶת - רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַגַ״ת. נָאכְדֶעם אִיז דָא דִי סְפָרִים פוּן דִי לִיוּבַּאווִיטְשֶׁער רֶבִּי'ס - אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵייעֶר ווֶעג אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין זֵייעֶר טִיף אִין אֱלֹקוּת. דָאס קוּמְט פוּן דִי סְפִירוֹת חָ'כְמָה, בִּ'ינָה אוּן דַ'עַת - רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַבַּ״ד. נָאכְדֶעם קוּמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס ווֶעג, דִי ווֶעג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן

אייבּערשׁטן, רעדן צום אייבּערשׁטן אויף די אייגענע שׁפּראך, בּיז מען וועט אינגאנצן בּטל וּמבוּטל צום אין סוֹף בּרוּך הוּא, דאס איז כּתר, דאס איז זייער א הוֹיכע דרגה. צוּ דעם קען יעדער איינער זוֹכה זיין צוּצוּקוּמען, אפילוּ דער וואס איז שׁוֹין אזוֹי שׁטארק אראפּגעפאלן, ער ליגט אין שׁאוֹל תּחתּיוֹת וּמתּחתּיו רחמנא לצלן, אוֹיבּ וועט ער נעמען די עצה פוּן רבּי'ן, ער וועט רעדן צום אייבּערשׁטן אזוֹי ווי מען רעדט צוּ א גוּטער חבר, ער וועט וויינען, ער וועט ארוֹיסזאגן אלע זיינע רצוֹנוֹת ווי שׁטארק ער וויל זיין אן ערליכער איד - וועט ער זוֹכה זיין צוּצוּקוּמען צוּ די העכסטע דרגוֹת שׁבּעוֹלם.

יעדער האט זיין וועג, אינאיינעם זענען אלע אידן איין געשׁטעל, יעדער פירט זיך מיט זיינע מנהגים; כּל זמן מען גייט נישׁט אוועק פוּן שׁלחן ערוּך קיין זוז כּלשׁהוּ - קען יעדער גיין זיין וועג, מען דארף זיך אבער נישׁט קריגן, מען דארף זיך ליבּ האבּן איינער דעם צווייטן.

דער אייבּערשׁטער זאל העלפן זאלסט האבּן הצלחה אין אלע ענינים.

...

### מעגן די מיידלעך אין מיין אפּיס ארבּעטן מיט וואטסעפּפּ?

**שׁאלה:**

לכבוֹד דער ראשׁ ישׁיבה שׁליט"א,

צוּם ערשׁט א דאנק פאר אלע חיזוּק אוּן שׁיעוּרים.

איך האבּ א בּיזנעס, מיט היימישׁע מיידלעך וואס ארבּעטן פאר מיר. איך נוּץ וואטסעפּפּ צוּ זיין אין פארבּינדוּנג מיט מיינע קאסטוּמערס, מיין שׁאלה איז אוֹיבּ איך מעג געבּן פאר די מיידלעך צוּטריט צוּ וואטסעפּפּ, אזוֹי וועלן זיי גרינג קענען אריבּערשׁיקן די מעסעדזשׁעס וואס די קאסטוּמערס שׁיקן מיר, אוּן אוֹיך וועלן זיי זיך קענען גרינגער פארבּינדן מיט קאסטוּמערס, אוּן די ארבּעט וועט געטוּן ווערן גרינגער אוּן שׁנעלער.

איך וויל האבּן א דעת תּוֹרה אוֹיף דעם ענין, אוֹיבּ איך מעג דאס טוּן אדער נישׁט.

יישׁר כּח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דִי בִּיזְנֶעס זָאל זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס זָאל זַיין מִיט גִּדְרֵי צְנִיעוּת, מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן הֵיימִישׁ אוּן אַרוּם לַאכְן; נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין. אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט בִּקְדוּשָּׁה, מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אֵיידְל; מֶענֶער לַאכְן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, מֶען רֶעדְט הֵיימִישׁ, דֶעמָאלְט וֶועט אַוֶועק גֵיין דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים כג, טו): ״כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ, לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן הֵיילִיג, וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג וֶועל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין פוּן צְוִוישְׁן אַייךְ; דֶעמָאלְט וֶועט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס בַּיים סוֹף צֶעפַאלְן, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן.

מֶען קֶען פִירְן דִי בִּיזְנֶעס לוֹיט דִי הַיינְטִיגֶע וֶועג; אַמָאל הָאט מֶען זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אַ וָואקִי-טָאקִי הַיינְט אִיז דָאס וָואטְסְעֶפְּפּ, עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט דִי בִּיזְנֶעס, עֶס מוּז אָבֶּער זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס מוּז זַיין גִּדְרֵי צְנִיעוּת; עֶס טָאר נִישְׁט זַיין קַיין הֵיימִישְׁקֵייט צְוִוישְׁן מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס אוּן טֶעלֶעפָאנְס דַארְפְן זַיין גֶעפִילְטֶערְט כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער.

שְׁטֵיי שְׁטְרֶענְג אוֹיף דִי אַרְבֶּעטֶערְס, שְׁטֵיי שְׁטְרֶענְג אוֹיף דִי גְדָרִים פוּן צְנִיעוּת - וֶועסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, וֶוען אַ מְנֻוָּל הָאט מִיר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין לֵיידֶער גֶעפַאלְן אַ קָרְבָּן פַאר אַ מְנֻוָּל, אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דִי שְׁלֶעכְטֶע קָאשְׁמַארְן לוֹיפְן מִיר נָאךְ בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּענְק זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַייטְן, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ צַדִּיק, גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט גֶעשְׁמַאק, אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער מְנֻוָּל אִיז שׁוֹין הַיינְט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין פוּן דָא וַוייטֶער, אֵיידֶער אִיךְ פַּאל אַרַיין אִינְגַאנְצְן אִין תְּהוֹם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִּיק, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי וַוייט מֶען אִיז פַארְקְרָאכְן, ווִי וַוייט מֶען אִיז גֶעפַאלְן אוּן וָואס מֶען הָאט נָאר גֶעטוּן; אַלְץ קֶען מֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ גֶעפַאלְן אַ קָרְבָּן פַאר אַ מְנֻוָּל רַחֲמָנָא לִצְלַן אוּן יֶעצְט אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ פַאלְסְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; דוּ קֶענְסְט צוּרִיק וֶוערְן אַזוֹי רֵיין ווִי דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען פַאר דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן בַּיי דֶעם רוֹצֵחַ - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט, דוּ וֶועסְט זִיךְ פְלַייסְן אִינֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן דַארְפְסְטוּ אָפְלָאזְן וָואס אִיז גֶעוֶוען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה", אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, "כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, עֶר גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן - וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן טוּן מִצְוֹת, עֶס וֶועט אִים שְׁטֶערְן דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דָאס קְלַאפְּט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ; אָבֶּער אַז מֶען פַארְגֶעסְט וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען הֵייבְּט אָן פוּנְדָאסְנַיי - קֶען מֶען יָא דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ יֶעצְט בַּיי אַ פָּרָשַׁת דְּרָכִים, אָדֶער קֶענְסְטוּ גֵיין לִינְקְס צוּם טוֹיט, וֵויינֶען אוּן זַיין דֶעפְּרֶעסְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אַ קָרְבָּן, אָדֶער קֶענְסְטוּ גֵיין רֶעכְטְס - צוּם לֶעבְן. אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן מִיטְ'ן עָבַר, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט, דוּ וֶועסְט קֶענֶען חַתּוּנָה הָאבְּן, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

הַדָּבָר הַשֵּׁנִי, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. גֶעוֶוענְלִיךְ, דִי וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְן דֶעם כֹּחַ הָרִכּוּז, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מְרַכֵּז זַיין, קָאנְצֶעטְרִירְן; דִי מֹחַ שְׁוֶועבְּט זֵיי אוּן פְלִיט אַרוּם אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת

מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!" אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רָגִיל אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה - וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הַדָּבָר הַשְּׁלִישִׁי, זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן - אִיר נָאמֶען אִיז "וֵויינֶען", לִילִית אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה; זַיי זֶענֶען מַצְלִיחַ אַרָאפְּצוּוַוארְפְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וֵויינֶען, דִי וָואס זֶענֶען אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; דִי עֵצָה נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן זַיי אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ"; אֲפִילוּ וֶוען מֶען וִויל זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען דָאס נָאר זַיין מִיט שִׂמְחָה, מִיט הָאפֶענוּנְג.

זַיי פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ; זַיי זִיךְ מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט, דָאס וֶועט דִיר הִיטְן, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן שְׁטַארְקֵייט זָאלְסְט קֶענֶען אָנְגֵיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן דוּרְךְ אַ רוֹצֵחַ, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי רֵיין דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען, וִוי דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ אַזוֹי פְּלוּצְלוּנְג פַארְלָאשְׁן, דוּ קֶענְסְט גָארְנִישְׁט טוּן, דוּ בִּיסְט יֶעצְט אַזוֹי פַארְדְרֵייט, דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה לִיגְט אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן. רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִין דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; זָאג אִים דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל

**עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְקְרָאכְן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה; אִיךְ וִויל זַיין רֵיין, אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר, בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק צוּ דִיר, הֲשִׁיבֵנוּ ה׳ אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם, בַּאנֵיי מִיר מַיינֶע טֶעג אַזוֹי וִוי אַמָאל".**

**אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צוּלֵייגְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין אִינְגְל וֶועלְן גֵיין אִין מִקְוֶה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר'ן רַאטֶעוֶוען מַיין לֶעבְּן מִיט שְׁלוֹם בַּיִת, פַּרְנָסָה, דֶרֶךְ הַלִּימוּד, חִינוּךְ אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ. אִיךְ וֵוייס יֶעדְן טָאג פוּן לֶעבְּן אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וֶועל אִיךְ מַצְלִיחַ זַיין.

מַיין יוּנְגְסְטֶער זוּן גֵייט וֶוערְן דְרֵיי יָאר אִין בְּעֶרֶךְ צְוֵויי חֳדָשִׁים אַרוּם, וִויל אִיךְ פְּרֶעגְן וֶוען אִיז דִי פְּרִיסְטֶע עֶלְטֶער וָואס מֶען קֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת.

מַיין עֶלְטֶערֶער זוּן גֵייט שׁוֹין וֶוערְן אַכְט יָאר אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. אִין אָנְהֵייבּ הָאט זִיךְ עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ דְזָשַׁאבּ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט פְּרַייטָאג בִּיז צוּם זְמַן, לְמַעֲשֶׂה הָאט רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעגֶעבְן אַן עֵצָה צוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל טוּן מַיין אַרְבֶּעט פְּרַייטָאג. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט מַיין אַרְבֶּעט, אָבֶּער דִי זַאךְ פוּן נֶעמֶען מַיין זוּן אִין מִקְוֶה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְרָאכְטְן, יֶעדֶע וָואךְ מִיט אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, עֶר זָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין, עֶר זָאגְט אַז עֶפֶּעס בַּאדֶערְט אִים, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס, אַפָאר מָאל פְּרֶעג אִיךְ אִים נִיטְאַמָאל וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאל טוּן וֶוען עֶר זָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין. אַפָאר מָאל

הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ גֵיין שְׁטְרֶענְג, וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה קֶען נִישְׁט הָאבְּן שַׁבָּת קַיין גְרֶעיפּ דְזְשׁוּס, סָאדֶע אָדֶער נַאשׁ, אָבֶער יֶעצְט הָאב אִיךְ שׁוֹין בִּלְבּוּלִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז וֶוען קִינְדֶער וֶוערְן גְרֶעסֶער קֶען מֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען וַוייל שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן דִי זַאךְ וָואס מֶען הָאט אִים גֶעצְווּינְגֶען.

יֶעדְן פְרַייטָאג טְרַאכְט אִיךְ וָואס פַאר אַ וֶועג צוּ גֵיין אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין, אִיךְ הָאב אִים שׁוֹין צוּגֶעזָאגְט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אוֹיב עֶר וֶועט גֵיין אִין מִקְוֶה, אָבֶער דֶערְוַוייל הָאט גָארְנִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט. אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט טוּן בֶּעסֶער, אָבֶער אִיךְ ווִיל דָאס פַארְרֶעכְטְן, וויאַזוֹי זָאל אִיךְ דָאס פַארְרֶעכְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר וָואס עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ פַארְלֵייגְן בַּיי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת - אִיז אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז מֶען מוּז פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד בַּיי חִינוּךְ, דָאס דַארְף מֶען טוּן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין, בַּיי צְוֵויי יָאר, דְרֵיי יָאר אַלְט - בִּיז דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ אוֹיס צוּ פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן.

רוֹב עֶלְטֶערְן וֵוייסְן דָאס נִישְׁט; מֶען טְרַאכְט נִישְׁט, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט, אָדֶער הָאט מֶען נִישְׁט קַיין כֹּחַ, מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער קוּמְט אַרוֹיס דִי חוּצְפָּה זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי שׁוֹין שְׁוֶוער בֵּייגְן צוּם גוּטְן.

יָא מִקְוֶה, נִישְׁט מִקְוֶה - נִישְׁט דָאס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם; מֶען קֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן מֶען קֶען זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז דֶער קִינְד ווִיל נִישְׁט גֵיין, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן וַואקְסְן גֶעזוּנְט, זֵיי דַארְפְן ווִיסְן אַז טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן יָא אִיז יָא אוּן אַז טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן נֵיין אִיז נֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן

פַארְקֶערְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט וויסְן וְוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, וְוי אַזוֹי זֵיי מְחַנֵךְ זַיין, וְוי אַזוֹי זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, עֶס וֶועלְן זִיךְ צִיעֶן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וְוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג כְּסֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זֶעט עֶר אַלְץ אוֹיס פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, אִיךְ ווִיל וויסְן וְוי אַזוֹי מֶען מַאכְט דָאס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) אַז מֶען מוּז זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען מוּז זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; דָאס אִיז דִי טִיר אַרַיין צוּ גֵיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַן עֵצָה וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - וְוי אַזוֹי מֶען קֶען וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עד): ״וְאִם לִפְעָמִים דַּעְתּוֹ מְבוּלְבָּל וְאֵינוֹ יָכוֹל בְּשׁוּם אוֹפֶן לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ״, אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַ צַייט וָואס מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען אִיז זֵייעֶר צֶעטוּמְלְט, ״אָז עֲצָתוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא שָׂמֵחַ״, דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן כְּאִילוּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ,

"וְאַף עַל פִּי שֶׁבַּתְּחִלָּה עֲדַיִן אֵין הַשִּׂמְחָה בֶּאֱמֶת בַּלֵּב", אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ וֶועט עֶס נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט זַיין נָאר אַ גֶעמַאכְטֶע שִׂמְחָה, אִין הַארְץ וֶועט מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, - "אַף עַל פִּי כֵן, עַל יְדֵי שֶׁעוֹשֶׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא שָׂמֵחַ, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה אַחַר כַּךְ בֶּאֱמֶת לְשִׂמְחָה", דָאךְ וֶועט עֶס הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט טַאקֶע וֶוערְן עֶכְט פְרֵיילִיךְ, "וְעֵצָה זֹאת הִיא עֵצָה גְּדוֹלָה מְאֹד, גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה", דִי עֵצָה אִיז אַן עֵצָה פַאר אַלֶע זַאכְן אִין קְדוּשָּׁה; "שֶׁבַּתְּחִלָּה צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא לָהוּט אַחַר אוֹתוֹ הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, וְאַחַר כַּךְ זוֹכִין בֶּאֱמֶת לָזֶה", אִין אָנְהֵייבּ זָאל מֶען זִיךְ מַאכְן וִוי מֶען ווִיל עֶס, ווִי מֶען הָאט דָאס, נָאכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי ׳לִיכְט פוּן אֱמוּנָה׳ אִין עֶנְגְלִישׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

יְיַשֵּׁר כֹּחַ; אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי ׳לִיכְט פוּן אֱמוּנָה׳ אִין עֶנְגְלִישׁ. מֶענְטְשְׁן זָאגְן זֵיי וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, זֵיי דַארְפְן נָאךְ אוּן נָאךְ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה

...

**דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ הָאבְן אַ מוֹסָד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אַ דִירָה אִין ...., דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַהִין צִיעֶן, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דָארְט וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ צָאלְן דִירָה גֶעלְט, דָארְט אִיז בִּילִיגֶער וִוי אִין שְׁטָאט.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַהִין צִיעֶן, אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט קוֹדֶם מְבַרֵר זַיין אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הָאבְן אַ מוֹסָד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

דִי תּוֹרָה זָאגְט, וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ גֵיין קַיין מִצְרַיִם,

הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעשִׁיקְט אֵיינֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אָנְגְרֵייטְן אַ מוֹסָד פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ. "וְאֶת יְהוּדָה שָׁלַח לְפָנָיו (בְּרֵאשִׁית מו, כח)", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה): "לְתַקֵּן לוֹ בֵּית תַּלְמוּד"; אָנְגְרֵייטְן מוֹסְדוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ אִיד צִיט זִיךְ אַרִיבֶּער פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּ אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ קוּקְט מֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן אַ מוֹסָד פַאר דִי קִינְדֶער.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ קוּקְט מֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וָואס וֶועט מְחַזֵּק זַיין אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; אַ שׁוּל, אַ מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם קוּקְט מֶען אוֹיף גֶעלְט.

זָאלְסְטוּ לְמַעַן הַשֵּׁם קוֹדֶם מְבָרֵר זַיין אוֹיבּ אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד אִיז גְרֵייט אַרַיינְצוּנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער, נָאר נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ מַאכְן דַיינֶע פְּלֶענֶער זִיךְ אַהִינְצוּצִיעֶן.

...

### אַנְשְׁטָאט לוֹיפְן צוּ אַלְקָאהָאל, לוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוּוּסְט וָואס פַאר אַ פָּנִים אַ שִׁיכּוֹר טְרָאגְט - וָואלְסְטוּ נִישְׁט צוּגֶערִירְט צוּם מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר. דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט, אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען דִיר נָאכְגֶעלָאפְן, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן: "שִׁיכּוֹר! שִׁיכּוֹר!" דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעשֶׁעמְט פַאר דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר, פוּן הַיינְט אָן אוּן וַוייטֶער רִיר נִישְׁט אָן קַיין וַויין אוּן בְּרוֹינְפְן; אִיךְ וִויל דִיר בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין יְשִׁיבָה וֶועט דִיר קֵיינֶער נִישְׁט נֶעמֶען. אַנְשְׁטָאט לוֹיפְן צוּ אַלְקָאהָאל - לוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה; לוֹיף צוּ דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין פוּן רֶבִּי'ן, דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן - דָאס וֶועט דִיר אַוֶועקְנֶעמֶען דַיינֶע וֵוייטָאגְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה, חַזֶר זִיךְ אֱמוּנָה, דָאס וֶועט דִיר שְׁטַארְקְן דַיינֶע נֶערְוְון דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין. חַזֶר זִיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין׳ס, דוּ זָאלְסְט חַזֶר׳ן דֶעם עֶרְשְׁטְן אֲנִי מַאֲמִין אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר וָואס אִיז גוּט; אֲפִילוּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, מִיר זֶעעֶן נִישְׁט דָאס גוּטְס - דָאךְ גְלֵייבְּן מִיר אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

אִיךְ וֵייס אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער בָּחוּר, דוּ ווִילְסְט נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, דוּ בִּיסְט פָּשׁוּט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן - דֶערְפַאר לוֹיפְסְטוּ צוּם טְרִינְק; גְלֵייב מִיר, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, אַז דוּ וֶועסְט אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה - דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן!

...

## דָאס לֶעבְן לוֹיפְט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, מֶען דַארְף אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח, י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב לִכְבוֹד דִי אָפְּשֶׁערְן פוּן דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן עֶרְלִיךְ אִידִישׁ נַחַת בַּיי אִים אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער.

כַאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ אַ פְּלַאן צוּ עֶנְדִיגְן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ: תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תַּלְמוּד בַּבְלִי, תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, בְּרַיְתוֹת, הֲלָכָה וְאַגָּדָה. דָאס לֶעבְן גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל ווִי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמד, ד): ״כְּצֵל עוֹבֵר״, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): ״הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף״, נִישְׁט ווִי דִי שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט, נָאר ווִי אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט; הַיינְט הָאסְטוּ אָפְּגֶעשׁוּירְן לְמַזָל טוֹב, מָארְגְן מַאכְסְטוּ חֲתוּנָה דִי

קִינְדֶער, נָאכְדֶעם דִי אֵיינִיקְלֶעךְ און דָאס לֶעבְּן אִיז אַרִיבֶּער...

דָאס פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ כְּסֵדֶר אַרֵיינְבַּאקְן אִין אוּנְז, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: ״אִיךְ גֶעדֶענְק מַיין אָפְּשֶׁערְן אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶועְן נֶעכְטְן״; בַּיי דִי זִיבֶּעצִיג יָאר הָאט דָאס מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט, עֶר גֶעדֶענְקְט זַיין חַאלַאקֶע אַזוֹי וִוי נֶעכְטְן.

בַּיי אוּנְז אִיז מֶען מַקְפִּיד אַז דִי אִינְגְלֶעךְ, פוּן דִי דְרֵיי יָאר - זָאלְן טְרָאגְן אַ קַאפְּל און צִיצִית אוֹיךְ בַּיינַאכְט בַּיים שְׁלָאפְן. דִי צִיצִית און קַאפְּל טוּט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס פוּן דִי דְרֵיי יָאר, אוֹיסֶער וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה אָדֶער אִין שׁוִויץ.

...

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ מִיט דִי רֶענְט פַאר דִי יְשִׁיבָה.

...

### זַיי מְנַדֵּב צוּ דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוְון, וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁלַח, י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

דוּ דַארְפְסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, זָאלְסְטוּ מְנַדֵּב זַיין גֶעלְט צוּ דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אָדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת - וָואס אִיז אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל. וַוייל מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועְן, וֶוער עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל - וֶועט גְלַייךְ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

דִי הַבְטָחָה גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ'ן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה און סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת; דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה און אִישׁ אֱמוּנוֹת אִיז אַ שְׁטִיק אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אַלֶעס אִיז גֶענוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא״שׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען אִישׁ אֱמוּנוֹת, גֶעבּוֹיט אוֹיף דֶעם וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כח, כ): ״אִישׁ אֱמוּנוֹת״, אַ מֶענְטְשׁ מִיט אֱמוּנָה, ״רַב

בְּרָכוֹת", הָאט אַסַאךְ בְּרָכוֹת; אִין דִי וָוארְט אִי"שׁ אִיז דָא דִי אוֹתִיּוֹת א' ש' - דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען - י' - אַרַיינְגֶעלֵייגְט צְוִוישְׁן דִי אוֹתִיּוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן בָּזֶה וּבַבָּא.

אַז דוּ וֶועסְט מְנַדֵב זַיין צוּ דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוְון וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה אוּן חִיזוּק צוּ מְקַיֵים זַיין דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

...

### רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועט זִי דִיר שִׁיקְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווילְסְט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אוּן דַיין וַוייבּ וויל נִישְׁט - אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת זֵייעֶר אַ וויכְטִיגֶער יְסוֹד, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאר אַז מֶען הָאט זִיךְ פַארְטְרָאגְן אִין שְׁטוּבּ, דוּ דַארְפְסְט טְרַאכְטְן וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן.

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיינֶע רֵייד צוּ אִיר; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז זִי פַאר זִיךְ הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם מִיט אוּמַאן, פַארְקֶערְט, זִי אִיז אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, זִי זֶעט ווִי דוּ לֶעבְּסְט בַּיים רֶבִּי'ן, וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט פוּן רֶבִּי'ן, זִי הָאט נָאר מוֹרָא מֶען זָאל אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, זִי וויל נִישְׁט זַיין אַ חוֹזֶק בַּיי אִיר מִשְׁפָּחָה. אַזוֹי אִיז בַּיי רוֹב פְרוֹיעֶן וָואס לָאזְן נִישְׁט דִי מֶענֶער פָאְרְן קַיין אוּמַאן, דָאס אִיז נָאר וַוייל זֵיי ווילְן נִישְׁט זַיין אַ חוֹזֶק בַּיי זֵייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס אוּן מִשְׁפָּחָה.

רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ; זָאג אִיר ווִי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, דָאס אִיז לֶעבְּן פַאר דִיר; זָאג אִיר דוּ וֶועסְט אִיר אַהֵיים

בְּרֶענְגֶען נָאר פֶּעק און זֶעק יְשׁוּעוֹת.

שַׁאף אִיר אַ פְּלַאץ וואו זִי זָאל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה און בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע נֵס, זִי וֶועט דִיר שִׁיקְן קַיין אוּמַאן מִיט שִׂמְחָה.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין ווִילְן, דַיין בֶּענְקְשַׁאפְט; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן.

...

## דִי בָּחוּרִים זָאלְן אַרוֹיסְפָארְן לֶערְנֶען אוּם זוּמֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט (קוּנְטְרֵס עֵצוֹת טוֹבוֹת, אוֹת ה): "טוֹב מְאוֹד בְּגוּף וָנֶפֶשׁ", עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט סַיי פַארְ'ן גוּף און סַיי פַארְ'ן נֶפֶשׁ, "לִשְׁלֹחַ אֶת בָּנָיו לִלְמוֹד בִּישִׁיבָה חוּץ לָעִיר", אַוֶועק צוּ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, "וּבִפְרָטִיּוֹת בְּחָדְשֵׁי הַקַּיִץ", סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי זוּמֶער חֲדָשִׁים, "וְעַל יְדֵי זֶה יִהְיוּ נִשְׁמָרִים מֵרְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת", אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן קוּקְן שְׁלֶעכְטְס, "וּמְהַזּוּהֲמָה הַנּוֹרָאָה וְהַקְּלִפּוֹת הַמִּסְתּוֹבְבִים בְּהָרְחוֹבוֹת", און פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁמוּצִיגֶע גַאס, פוּן דִי קְלִיפּוֹת וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִין גַאס, "וְיִנָּצְלוּ עַל יְדֵי זֶה מֵהִרְהוּרִים רָעִים וּמַחְשָׁבוֹת זָרוֹת הַמְּבִיאִים לִידֵי פְּגַם הַבְּרִית", דָאס וֶועט זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אֶפְשָׁר קֶען דִי יְשִׁיבָה דִינְגֶען דַיין דִירָה, דִי בֶּעיסְמֶענְט, פַּאר דִי זוּמֶער וָואכְן אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן הָאבְן אַ פְּלַאץ וואו צוּ זַיין זוּמֶער, צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה?

אוֹיב עֶס אִיז שַׁיָּיךְ דַארְפְן מִיר אוֹיסְאַרְבֶּעטְן עֶס זָאל זַיין נָאר פַאר בָּחוּרִים וָואס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט דִי זֻהֲמָה אִין שְׁטֶעטְל, נָאר בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען

לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז שַׁיָיךְ.

...

**מֶען דארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, הָאסְט בּוֹחֵר גֶעוֶוען בְּטוֹב; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט שׁוֹין בְּלַייבְּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

מֶען דארְף גְרוֹיס רַחֲמִים פוּן הִימְל צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק, וַוייל דִי קְלִיפּוֹת פַּארְלֵייגְן זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן פוּן צַדִיק; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם פְּרַט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, מֶען זָאל בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵן זַיין, דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארֶערְכְטְן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי׳ן - וֶועט עֶר בַּיים סוֹף תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַלֶעס פַארֶערְכְטְן״.

גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין בָּחוּרִים בַּיי דִיר אִין דָארְמִיטָארִי וָואס הָאבְּן טֶעלֶעפָאנְס אָדֶער אַנְדֶערֶע כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זֶען עֲבֵירוֹת. אוֹיבּ דַיין דָארְמִיטָארִי וֶועט זַיין רֵיין פוּן דִי כֵּלִים וֶועלְן אַלֶע בְּקָרוֹב טְרֶעפְן שִׁידוּכִים, אָבֶער אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן דִי כֵּלִים - וֶועט אַייךְ זַיין בִּיטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פז) אַז מֶען אִיז מְתַקֵן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ בְּרֶענְגְט מֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער דִי שִׁידוּךְ, ווִידֶערְאוּם אַז מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט מֶען דֶעם שִׁידוּךְ.

הַלְוַואי וֶועסְטוּ פָאלְגְן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וֶועסְטוּ - נָאר דוּ פַארְדִינֶען פוּן דֶעם.

...

**פַארְלֶעשְׁן דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט פַארְלֶעשְׁן דַיין טֶעלֶעפָאן וֶוען דוּ קוּמְסְט דַאוְוענֶען. דַיין טֶעלֶעפָאן קְלִינְגְט אַזוֹי הוֹיךְ אַז מֶען קֶען מֵיינֶען מֶען גֶעפִּינְט זִיךְ אִין אַן אָפִיס; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן קַיין כָּבוֹד אַזוֹי צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

וֶוען מֶען דַאוְוענְט אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס טְרָאגְט דִי הֵיילִיגֶע נָאמֶען פוּן מוֹהֲרַ״אשׁ דַארְף מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן ווִי מוֹהֲרָ״אשׁ אִיז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן: ׳ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט וֶוען מוֹהֲרָ״אשׁ שְׁטֵייט נֶעבְּן מִיר?׳ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת א, ב): ״כָּל הָאוֹמֵר שְׁמוּעָה מִפִּי אוֹמְרָהּ יְהֵא רוֹאֶה בַּעַל הַשְּׁמוּעָה כְּאִלּוּ הוּא עוֹמֵד כְּנֶגְדּוֹ״, וֶוען מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען טְרַאכְטְן כְּאִילוּ דֶער בַּעַל הַשְּׁמוּעָה שְׁטֵייט דָא.

אִיךְ הָאף אַז דִי קְלֵיינֶע בְּרִיוו וֶועט זַיין גֶענוּג, דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין שׁוּל צוּ פַארְלֶעשְׁן דֶעם טֶעלֶעפָאן. עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט וֶוען מֶען נֶעמְט דִי פָאר מִינוּט פוּן דַאוְוענֶען, מֶען שַׁאלְטֶערְט זִיךְ אוֹיס פוּן אַלֶעמֶען, מֶען קוּקְט נִישְׁט אִין טֶעלֶעפָאן, מֶען קוּקְט נָאר אִין סִידוּר; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, פַאר דִי שְׁטוּבּ, פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. אוּן אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נָאךְ וַוייט פוּן דֶעם, עֶר פַאר זִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן אֲפִילוּ דִי פָּאר מִינוּט, דַארְף עֶר אָבֶּער טְרַאכְטְן פוּן דִי אַנְדֶערֶע מִתְפַּלְּלִים וָואס ווִילְן אַבִּיסְל דַאוְוענֶען, זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן.

שְׁרַייבּ מִיר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין קְדוּשַּׁת הַמָּקוֹם, אִין בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל.

...

### זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע גְרוּס אוֹיף דִיר. פָּארִיגֶע וָואךְ הָאסְטוּ גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע בַּיים וַואכְטְנַאכְט לְמִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, זֵיי דֶערְצֵיילְן ווִי שֵׁיין דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִי קִינְדֶער, נָאכְדֶעם הָאסְטוּ גֶעזִינְגֶען נִגּוּנֵי אֱמוּנָה אוּן צוּזַאמֶען גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוארֶעמֶע תְּפִילּוֹת; דִי מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מְלַמֵּד, אַ פְרֵיילִיכֶער מְלַמֵּד. לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער שִׂמְחָה; זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין חֵדֶר, מֶען זָאל זִינְגֶען, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען: "אַה מְחַיֶּ' קַאפְּל! אַה מְחַיֶּ' צִיצִית! אַה מְחַיֶּ' פֵּיאוֹת! אַה מְחַיֶּ' מְזוּזָה!" דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַרַיינְנֶעמֶען דִי מִצְוֹת אִין זִיךְ מִיט שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, דֶעם סֵפֶר תִּיקּוּנֵי זוֹהַר; זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּיקּוּנִים, דָאס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע פְלֶעקְן, עֶס בְּרֶענְגְט טָהֳרָה.

...

### ווִי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט, זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו; אִיךְ וֶועל דִיר דָאס מִיטְטֵיילְן.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו פוּל מִיט בִּיטֶערְנִיש אוּן טַעֲנוֹת, דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן הַנְהָגוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן:

זַיי פְרֵיילִיךְ.

זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ"; דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ.

אַרְבֶּעט אוֹיף דִי נְקוּדָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זֵיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם.

זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט דַיינֶע פְרַיינְט נָאר פוּן שִׂמְחָה.

מוֹהֲרָא"שׁ פִירְט אוֹיס: "אֲנִי חוֹשֵׁב שֶׁזֶּה הַנְהָגָה הָכִי חֲשׁוּבָה שֶׁאַתָּה צָרִיךְ בָּזֶה הָעוֹלָם", אִיךְ טְרַאכְט אַז דָאס אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע הַנְהָגָה פַאר דִיר, "כִּי הָעִקָּר בָּזֶה הָעוֹלָם הוּא רַק שִׂמְחָה", וַוייל דֶער עִיקָר אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ; דָאס בְּרֶענְגְט צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ הָאבְן סַבְלָנוּת.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ הֲנָאָה הָאבְן פוּן דֶעם; אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בְּנַחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ.

...

### נֶעם אַ טֵייל אִין אוּנְזֶער יֶערְלִיכֶער קַאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט אַנְטֵייל נֶעמֶען אִין אוּנְזֶער יֶערְלִיכֶער קַאמְפֵּיין; נֶעם אוֹיף זִיךְ אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס. נֶעם אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה, מַאךְ זִיךְ אַ לִיסְטֶע פוּן דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע, מִשְׁפָּחָה וְכַדוֹמֶה, בֶּעט זֵיי צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז מְזַכֵּךְ אוּן מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אַז אֵיינֶער וֶועט דִיר פַארְשֶׁעמֶען אוּן נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועסְט נָאר פַארְדִינֶען פוּן דִי בִּזְיוֹנוֹת, דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

רוּף יֶעצְט הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר, פְרֶעג אִים וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן

פַאר׳ן הַיי יֶערִיגְן קַאמְפֵּיין.

אִיךְ וֶועל זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פוּן אַנְדֶערֶע וִוי אַז דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגֶען דַיין אֵייגֶענֶע גֶעלְט; דֶער יֶערְלִיכֶער קַאמְפֵּיין אִיז אַ קַאמְפֵּיין פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אֵייגֶענֶע גֶעלְט. דַיין אֵייגֶענֶע צְדָקָה, דַיין מַעֲשֵׂר, דַיין חֹמֶשׁ - דָאס גֶעבְּסְטוּ אַ גַאנְץ יָאר, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף אִינְאֵיינֶעם אַרוֹיסְגֵיין בֶּעטְן גֶעלְט בַּיי בַּאקַאנְטֶע, בַּיי מִשְׁפָּחָה וְכַדוֹמֶה לָזֶה.

אִיךְ הָאף צוּ זֶען דַיין נָאמֶען בַּיים קַאמְפֵּיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבְּן וַוייטֶער גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקנה): ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד״; וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אִין דִי צַייטְן פוּן דִי גְזֵירָה פוּן גֵּרוּשׁ סְפָרַד וֶוען מֶען הָאט פַארְטְרִיבְּן דִי אִידְן, צֶענְדְלִיגֶער אִידְן הָאבְּן דֶעמָאלְט גֶעכַאפְּט אַ שִׁיף אוּן אַנְטְלָאפְן, אִינְמִיטְן וֶועג זֶענֶען רוֹב רֵייזְנְדֶע גֶעשְׁטָארְבְּן, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מַגֵּיפָה אוֹיפְ׳ן שִׁיף, בִּיז דֶער שִׁיף הָאט זִיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען אוּן בְּלוֹיז אֵיין אֵיינְצִיגֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט מִיט זַיין וַוייבּ אוּן צְוֵויי קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ רֶעטוּנְגְ׳ס שִׁיף אוּן גֶעשְׁוּוּימֶען דֶערְמִיט בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם מִדְבָּר, זֵיי זֶענֶען אַרָאפּ פוּן שִׁיף אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין וואוּ זֵייעֶר פִיס וֶועט זֵיי טְרָאגְן, פְּלוּצְלוּנְג הָאט זַיין וַוייבּ גֶע׳חַלֶשְׁ׳ט אוּן זִי

איז גֶעשְׁטָארְבְּן, דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, עֶר הָאט אִיר בַּאעֶרְדִיגְט דָארְט אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע לֶעצְטֶע כֹּחוֹת מִיט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער, פְּלוּצְלוּנְג אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן חַלָּשׁוֹת, עֶר אִיז דָארְט גֶעלִיגְן אָן בַּאוואוּסְטְזֵיין רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמוּנְטֶערְט אוּן גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן הָאט עֶר גֶעזֶען אַז זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער לִיגְן דָארְט טוֹיט, זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן הוּנְגֶער. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן אַסַאךְ צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, מַיין וַוייבּ אִיז מִיר אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן, מַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער זֶענֶען מִיר אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, אִיךְ זֶע אַז דוּ ווִילְסְט מִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אָפְּלָאזְן מַיין אֱמוּנָה אִין דִיר, חַס וְשָׁלוֹם; ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, אִיךְ בְּלַייבּ גְלֵייבְּן אִין דִיר מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן דָבוּק צוּ דִיר מַיין גַאנְץ לֶעבְּן!" עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען דָארְט אַ לַאנְגֶע צַייט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען גְרָאבְּן אַ קֶבֶר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְגְרָאבְּן דִי עֶרְד, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ הַארְטֶע עֶרְד אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען בְּלֶעטְלֶעךְ מִיט צְוַוייגְן אוּן זֵיי צוּגֶעדֶעקְט.

מוֹהֲרַנ"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס מֶען הָאט זֵיי אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ וַוייטֶער מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי אֱמוּנָה.

דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד; אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בְּלַייבְּט וַוייטֶער גֶעטְרֵייא דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער אִיד".

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִינֶעם קָאמְפֵּיין; מַאךְ זִיךְ אַ צִיל ווִיפִיל גֶעלְט דוּ גֵייסְט בֶּעטְן פוּן דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן. קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז

נִישְׁט אַיינְשְׁטִימִיג מִיטְ'ן קָאמְפֵּיין; דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס מַאכְט דֶעם קָאמְפֵּיין אִיז דָא נָאר צוּ הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

בַּיים סוֹף פוּנֶעם קָאמְפֵּיין וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע צַאמְקוּם פַּאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ אוֹיךְ דָארְט זַיין, עֶס גֵייט זַיין אַ שֵׁיינֶע מַעֲמָד, אַלֶע וֶועלְן הַנָאָה הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי מֶערְסְטֶע חִיזוּק דַארְפְן אִידִישֶׁע מַאמֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, בִּפְרַט מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואס זֶענֶען שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן פִירְן אַ שְׁטוּב.

דִי מֶערְסְטֶע חִיזוּק דַארְפְן אִידִישֶׁע מַאמֶעס, זֵיי אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט - נַאכְט אוּן טָאג אָן קַיין אָפְּרוּ; וֶוען מֶען וֶוערְט פֶערְטִיג מִיט אֵיין קִינְד - לוֹיפְט מֶען צוּם צְוֵוייטְן קִינְד, נָאכְדֶעם דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיק גֵיין צוּם עֶרְשְׁטְן, פוּן דָארְט דַארְף מֶען לוֹיפְן צוּ דִי וֶועשׁ, צוּ דִי עֶסְן, רוֹימֶען אוּן וַואשְׁן, וְעַל כּוּלָם וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים, אוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעלֶערְנְט פַארְלַאנְגְט עֶר דָאךְ מֶען זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן אוּן נָאר אִים בַּאדִינֶען, דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע מִידֶע מַאמֶע/וַוייבּ פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן אוּן טוּן, אוּן וֶוען זִי בַּאקוּמְט נִישְׁט חִיזוּק קֶען גֶעשֶׁען דָאס זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיגְס, דִי נֶערְוְון זָאלְן פְּלַאצְן.

דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע מַאמֶעס;

וואוּיל אִיז דִי וָואס שְׁטַארְקְט דִי פְּרוּוּעָן, דִי וָואס בְּלָאזְט אַרַיין פְּרִישֶׁע לוּפְט צוּ אָטְעמֶען, בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה, קִינְדֶער אָדֶער גֶעשְׁוִוּיסְטֶער - אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן זַיי מְחַזֵּק זַיין.

אַז מֶען רוּפְט אַייךְ בֶּעטְן חִיזוּק זָאלְט אִיר נִישְׁט טְרַאכְטְן פַאלְטְשֶׁע שְׁלֶעכְטֶע גַאֲוָה'דִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת: 'וֶוער בִּין אִיךְ? וָואס בִּין אִיךְ? וֶוער זָאגְט אִיךְ מֶעג מְחַזֵּק זַיין?' עֶס לִיגְט אַ חוֹב צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוער אִיז אַ תַּלְמִיד הָגוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס) מִיט וֶועם מֶען דַארְף רֶעדְן? דֶער וָואס קוּמְט צוּ דִיר; אַז מֶען קוּמְט צוּ אַייךְ, מֶען רוּפְט אַייךְ, מֶען בֶּעט אַייךְ 'רֶעד צוּ מִיר, זַיי מִיר מְחַזֵּק' - אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה.

בְּנוֹגֵעַ וָואס צוּ רֶעדְן; וִוי קֶען מֶען וִויסְן וָואס צוּ רֶעדְן? אוֹיף דֶעם הָאט אוּנְז שׁוֹין דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן אָן וִויסְן וָואס יֶענֶער דַארְף הֶערְן. רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכה): "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן, זַיי מְחַזֵּק זַיין, וֶוען אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶענֶעם?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ רֶעד, אֲפִילוּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס יֶענֶער וִויל הֶערְן".

אַז אִיר וֵוייסְט אַז דִי פְּרוּוּ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועדִיקֵייטְן פוּן אִיר מַאן, זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶעצְן קֶעגְן אִים; אַייעֶרֶע דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין בְּעִיקָּר אִיר אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן, אִיר הֵייבְן, זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן. דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט וֶוערְן פַארְשְׁוִוינְדְן אַלֶע וֵוייטָאגְן; וִוי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן וִויסְן אַז עֶס אִיז אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - וֶוערְט שׁוֹין גְרִינְגֶער דִי אַרְבֶּעט, מֶען קוּמְט צוּרִיק צוּ דִי כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי לֶעצְטֶע זַאךְ פוּן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידוּת – אִיז דַאוֶּוענֶען

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס לֶערְנֶען אִין בֵּית פֵיגָא – קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אוּן פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, אִיךְ הֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא מֵיידְלֶעךְ וָואס וִוילְן נִישְׁט דַאוֶּוענֶען, זֵיי מֵיינֶען אַז דַאוֶּוענֶען אוֹיפְ׳ן קוֹל אִיז אַ זַאךְ וָואס קְלֵיינֶע קִינְדֶער טוּעֶן.

דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט צוּ, זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט דִי טִיטְשֶׁער – מַאכְן מִיר אַסַאךְ צַעַר.

דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס פָאלְגְן דִי טִיטְשֶׁערְס – זֵיי זֶענֶען דִי רִיכְטִיגֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא; זֵיי מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר מוֹהֲרַא״שׁ אוּן פַאר אַלֶע צַדִּיקִים אוּן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ אִיר וִוילְט נִישְׁט דַאוֶּוענֶען – קֶענְט אִיר זִיךְ נִישְׁט פַארְרוּפְן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, וַוייל דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי לֶעצְטֶע זַאךְ פוּן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידוּת – אִיז דַאוֶּוענֶען.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, יֶעדְן פוּן אַייךְ בַּאזוּנְדֶער: הֶעלְפְט מִיר, מַאכְט מִיר נִישְׁט קַיין צָרוֹת, אִיךְ וִויל הֶערְן נָאר גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייךְ אַלֶע, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען פַאר אַייךְ דִי בֶּעסְטֶע טִיטְשֶׁערְס, מַיינֶע חֲשׁוּבְ׳סְטֶע תַּלְמִידוֹת, אִיר דַארְפְט זֵיי פָאלְגְן אוּן אוֹיסְהֶערְן, נִישְׁט זוּכְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען טוּן פַארְקֶערְט.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט קוּמֶען שְׁנֶעל צוּ דַיינֶע כּוֹחוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ׳**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי אַפֶּערַאצִיֶע אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם; דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קוּמֶען שְׁנֶעל צוּ דַיינֶע כֹּחוֹת, זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן מִיט הַרְחָבַת הַדַּעַת.

בְּנוֹגֵעַ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת; גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ זָאגְן פַאר׳ן גֵיין שְׁלָאפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט זוּכְן כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד טַייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

שְׁטַארְק אַייךְ אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן. אַנְטְלוֹיפְט פוּן פָּאלִיטִיק; פָּאלִיטִיק מַאכְט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת; נִישְׁט דִי פַּארְטֵיי אִיז גוּט אוּן נִישְׁט יֶענֶע פַּארְטֵיי אִיז שְׁלֶעכְט, אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף, אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר.

בִּכְלַל זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי כְּלַל, וֶוען אִיר הֶערְט רֶעדְן; דֶער פַּארְקוֹיפְט דָאס, אַ צְוֵוייטֶער פַּארְקוֹיפְט יֶענְץ, יֶעדֶער שְׁרֵייט עֶר פַארְקוֹיפְט אֱמֶת; אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס בְּלָאף.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, וֶוען וֶועט מֶען קֶענֶען לֵיינֶען דִי צֵייטוּנְגֶען? וֶוען מֶען וֶועט זֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע הֶעדְלֵיינְס שְׁטֵיין: ״אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ! מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ!״ דֶעמָאלְט וֶועט אִיר קֶענֶען לֵיינֶען דִי צֵייטוּנְג, אָבֶער וִוי לַאנְג עֶס שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן אוּן יֶענֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ מִילְיָאן מֶענְטְשְׁן - אִיז דָאס הֶבֶל הֲבָלִים אוּן נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין הַאנְט.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אִין דִי זוּמֶער טֶעג מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם; אֵיידֶער אִיר גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אָפָּאר וֶוערְטֶער: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הִיט מִיר מַיינֶע אוֹיגְן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען אַהֵיים אָן קַיין אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק״.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט צְוֵויי מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זַיְינֶע תַּלְמִידִים, אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַן עוֹשֶׁר אַ קַמְצָן אוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בְּלִינְדֶער בַּעַל מְנַגֵּן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, זֵייעֶר אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קַמְצָן, אַזוֹי רַייךְ וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען - אַזוֹי קַארְג אִיז עֶר גֶעוֶוען. דִי אָרֶעמֶעלַייט זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, זֵיי פְלֶעגְן אִים שֶׁעלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת. וֶוען עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִים בַּאצָאלְט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט, מֶען הָאט אִים מְבַזֶה גֶעוֶוען בִּשְׁעַת זַיין לְוַיָ׳ אוּן בִּשְׁעַתְ׳ן מְקַבֵּר זַיין הָאבְּן דִי אָרֶעמֶעלַייט גֶעשְׁטֶערְט דִי קְבוּרָה, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן מֶען זָאל אִים נִישְׁט מְקַבֵּר זַיין וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַמְצָן, אוּן פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט קַיין כָּבוֹד הַמֵּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אִין שְׁטָאט, וַוייל דֶער בֶּעקֶער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין בְּרוֹיט מִיט חַלּוֹת פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט, אוּן דֶער פְרוּכְט סוֹחֵר הָאט מֶער נִישְׁט פַארְקוֹיפְט פַאר דִי עֲנִיִּים קַיין פְרוּכְט אוּן גְרִינְצֵייג, דֶער פְלֵיישׁ גֶעשֶׁעפְט הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין פְלֵיישׁ פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט. וֶוען מֶען הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זֵיי גֶעבְּן מֶער נִישְׁט קַיין עֶסְן, הָאבְּן דִי סוֹחֲרִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז בִּיז יֶעצְט פְלֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר זֵיי גֶעבְּן גֶעלְט, עֶר הָאט זֵיי בַּאשְׁוואוֹירְן אַז זֵיי טָארְן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז עֶר גִיבְּט דִי גֶעלְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים הַאלְטְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער קַמְצָן אוּן הֱיוֹת עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן - קֶענֶען זֵיי מֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶסְן.

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל מְנַגֵּן וָואס פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין צוּ חֲתוּנוֹת זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן, אוּן וְוִיבַּאלְד בַּיי חֲתוּנוֹת אִיז דָא אַסַאךְ פְרוֹיעֶן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר אִיז בְּלִינְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְקְלֶעבְּט דִי אוֹיגְן, יֶעדֶער הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז טַאקֶע בְּלִינְד. וֶוען דֶער בַּעַל מְנַגֵּן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער סוֹד אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בְּלִינְד, נָאר וְוִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט

רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ פַאַרְבִּינְדְן זַיְינֶע אוֹיגְן אוּן מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז בְּלִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי צְוֵויי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט זַיְינֶע תַּלְמִידִים: "זָאגְט מִיר וֶוער אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער, דֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בְּלִינְד זַיין גַאנְץ לֶעבְּן כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן קוּק, אָדֶער דֶער עוֹשֶׁר וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ קַמְצָן, אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר אַרַייְנְגֶעכַאפְּט בִּזְיוֹנוֹת, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעשָׁאלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט?" דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג צוּקָאכְט פוּן בֵּיידֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בֵּיידֶע זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס", הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "אִין הִימְל קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מַכְרִיעַ זַיין וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער, בֵּיידֶע זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס".

מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת אַז מִיר זָאלְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט זוּכְן כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן; אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן זָאל זַיין נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אִיר גְרֵייט זִיךְ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן; מַאכְט שׁוֹין אַייעֶרֶע פְּלֶענֶער וַוייל מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן עֶס אִיז שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען חִיזּוּק פוּן דִיר יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּיתָּר**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דַיין גְרוֹיסְקֵייט אִין הִימְל פוּן דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מְחַזֵק צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן יֶעדְן טָאג. צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען טֶעגְלִיךְ דִי חִיזּוּק יוֹמִי, דִי מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט

קַיין אִידִישׁ, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן דִי חִיזוּק יוֹמִי נָאר בִּזְכוּת דִיר, וָואס דוּ בִּיסְט דָאס מְתַרְגֵּם אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק.

דָאס אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ קֶענֶען מְתַרְגֵּם זַיין; וַוייל יֶעדֶע שְׁפְּרַאךְ הָאט זַיינֶע וֶועגְן, זַיינֶע אוֹיסְדְרוּקְן אוּן זַיינֶע שְׁפְּרִיךְ וֶוערְטֶער, אוּן אַז מֶען אִיז דָאס מְתַרְגֵּם קֶען דָאס פַארְלִירְן דֶעם גֶעשְׁמַאק וְכוּ׳, דוּ הָאסְט דִי מַתָּנָה אַז דַיין תַּרְגּוּם לֵיינְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, עֶס הֶערְט זִיךְ בֶּעסֶער וִוי אִין אִידִישׁ.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ; אִיךְ וֵוייס אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, נִישְׁט נָאר אוֹיף דִיר גֵייט אִיבֶּער, אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער, אוֹיבּ מֶען טוּט גוּטֶע זַאכְן, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען שְׁטַארְקְט אַנְדֶערֶע – אִיז מֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער ..., וִוי לַאנְג מֵיינְסְטוּ וֶועלְן מִיר נָאךְ זַיין דָא? דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיבֶּעצִיג יָאר, נָאכְדֶעם קֶערְט מֶען זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן ׳הַפָּצָה׳, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס הָאבְּן מְחַזֵּק גֶעוֶועןְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַ״ג בָּעֹמֶר, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בְּדֵעָה דִיר צוּ טְרֶעפְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין פְּלַאן אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דִיר, לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אַהֵיים גֶעקוּמֶען פְרִיעֶר, אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דִיר צוּ טְרֶעפְן; אִיךְ הָאף אִיךְ וֶועל נָאךְ זַיין דִי יָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וִויל קוּמֶען צוּ דִיר.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיין זוּן ...; זָאג אִים אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וואוּ עֶר הַאלְט אִין שַׁ״ס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען דַארְף נָאר תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף וֶועם בִּיסְטוּ בְּרוֹגֶז? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַזַא שֵׁיינֶע שַׁבָּת אוּן בַּאקוּמֶען אַ פַּאטְשׁ אִין פָּנִים; וֶוער הָאט דִיר גֶעפַּאטְשְׁט אִין פָּנִים? קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעפַּאטְשְׁט אִין פָּנִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיז): "מִמָּה נַפְשָׁךְ, אִם יִקְרֶה לוֹ מֵחֲמַת הִרְהוּר, מִי חַיָּב בָּזֶה וְאֵין לוֹ לְהִתְרַעֵם כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ גָּרַם לוֹ", אוֹיף וֶועם אִיז דִי טַעֲנוֹת? פַּארְוָואס זַיין צֶעבְּרָאכְן? בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? - קֶענְסְטוּ זִיךְ גְּלַייךְ אוֹיפְהֵייבְּן, וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן? דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָאגְט: "טוּ נִישְׁט דִי עֲבֵירָה", דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט: "אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּן דִי עֲבֵירָה, טוּ תְּשׁוּבָה; וֶועסְטוּ זַיין בַּיי מִיר חָשׁוּב אַזוֹי וִוי פְּרִיעֶר".

וֶוען מֶען פַּאלְט אַרָאפּ, מֶען זִינְדִיגְט אִין אַן עֲבֵירָה, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן, נָאר תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנג): "אִם הָיִיתִי עוֹבֵר חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵרָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר", אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, "אַף עַל פִּי כֵן לֹא הָיְתָה הָעֲבֵרָה מַשְׁלֶכֶת אוֹתִי כְּלָל", וָואלְט דָאס מִיר גָאר נִישְׁט אַרָאפּ גִיוָוארְפְן, "רַק הָיִיתִי אַחַר הָעֲבֵרָה אִישׁ כָּשֵׁר כְּמוֹ קֹדֶם", אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גְוֶוען אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיר, "רַק אַחַר כָּךְ הָיִיתִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה", דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט, צֶעקְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אוּן קוּק זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; דִי מַעֲשֶׂה וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין מֵזִיד, עֶס אִיז אַן אוֹנֵס; הָאסְט דָאךְ גֶעוָואלְט טוּן גוּט, וַהֲוָה מַה דַּהֲוָה, דָאס אִיז נִישְׁט מַעֲשֶׂה עֵר וְאוֹנָן, דָאס אִיז אַ טָעוּת וְכוּ' וְכוּ'. הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, שְׁטַארְק זִיךְ, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [- קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן בֵּין בְּשׁוֹגֵג - בֵּין בְּמֵזִיד, בֵּין בְּאוֹנֵס - בֵּין בְּרָצוֹן, דֶער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלֶעס.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דַיין בְּרִיוו אַז דוּ דַארְפְסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף אֵיין נְקוּדָה:

'זַיין פְרֵיילִיךְ !' דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר, אֲפִילוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אַבִּי זַיין פְרֵיילִיךְ. אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צ; וְעַיֵּן שָׁם, סִימָן קסט) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, 'אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה'', אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ', אִיז מֶער נִישְׁטָא קֵיין עֲבֵירוֹת, 'וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם', נִישְׁטָא מֶער פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

חַזֶר זִיךְ אֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֵייגְן קֵיין וִוידִיאוֹס אִין יְרוּשָׁלַיִם. דוּ וֵוייסְט אַז אַלֶע קְהִלּוֹת וָואס גֶעהֶערְן צוּ דִי עֵדָה הַחֲרֵדִית, בַּיי זֵיי אִיז אָסוּר בְּתַכְלִית הָאִסּוּר צוּ קוּקְן וִוידִיאוֹס - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין קֶעגְן זֵיי; מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת. זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט לֵייגְן קֵיין וִוידִיאוֹס, זָאלְסְט גֵיין הֲפָצָה אוֹיף דִי אַלְטֶע וֶועג - מִיַּד לְיַד, אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין דִי הֶענְט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, בִּפְרַט דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן דִי נֵייעֶ סְפָרִים - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת; וָואס דָאס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ מְקָרֵב צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וִוילְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה בַּיי זֵייעֶר גֶעשֶׁעפְט - קֶענֶען הָאבְּן אִין גֶעשֶׁעפְט דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, דָאס גֶעבְּן אַ מַתָּנָה

פַאר אַלֶע וָואס קוּמֶען בַּיי זֵיי אִין גֶעשֶׁעפְט. וֶוען מֶען טֵיילְט דִי קוּנְטְרֵסִים זָאל מֶען בֶּעטְן מֶען זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן הֲפָּצָה.

מַאךְ נִישְׁט זַאכְן וָואס וֶועט אוֹיפְרֶעגְן דֶעם פְרוּמֶען עוֹלָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הוֹיזְן פַאר אַ פְרוֹי אִיז פְּרִיצוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין?! הוֹיזְן פַאר אַ פְרוֹי אִיז פְּרִיצוּת! נִישְׁט קַיין חִילוּק בַּיים אוֹיפְזַיין, בַּיים שְׁלָאפְן צִי בַּיים מַאכְן עֶקְסֶערְסַייז - הוֹיזְן פַאר פְרוֹיעֶן אִיז פַארְקֶערְט פוּן צְנִיעוּת.

דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט, בַּיים שְׁלָאפְן דֶעקְט זִיךְ אוֹיף דִי פִּיס; אָנְטוּן הוֹיזְן אַז דִי פִּיס זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעדֶעקְט - אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת, דָאס אִיז פַארְקֶערְט פוּן צְנִיעוּת.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט אַלֵיינְס אוּן עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם.

וואוֹיל אִיז דִי פְרוֹיעֶן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת, וֶועלְן זֵיי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דַארְפְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער אֵיידֶעם ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן - דַארְפְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זַיי מוֹסִיף שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מוֹסִיף זַיין נָאךְ צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, זַיי מוֹסִיף מִיט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיי מוֹסִיף אוֹיף בֶּעטְן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מוֹסִיף זַיין אִין הֲפָצָה, וִוי מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא טַייעֶרֶער אֵיידֶעם, פוּן אַזַא חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן מַיינֶע אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִידְן וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה, אִידְן וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה.

...

### אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת קוּמֶען קַיין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

פַאר מִיר אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז אִיר וִוילְט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; אִיר זֶענְט אַ חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת קוּמֶען קַיין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ לֵייג אַייךְ אוֹיף דִי לִיסְטֶע פוּן דִי נֵייעֶ דִירוֹת; יֶעצְט הָאבְּן מִיר גֶעעֶנְדִיגְט זֶעכְצְן דִירוֹת, גְלַייךְ נָאכְן זוּמֶער הֵייבְּן מִיר אָן נָאךְ צְוָואנְצִיג נֵייעֶ דִירוֹת, אִיךְ לֵייג דִיר אוֹיף דִי לִיסְטֶע.

טַייעֶרֶער ..., בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט; שְׁמוּעֶס מִיט אִים, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ,

דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת; הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן, עֶס הֵייבְּט אוֹיף און בְּרֶענְגְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכוּת צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי, דוּ הֶעלְפְּסְט דִי מוֹסְדוֹת מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכוּת, נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן; דָאס אִיז אַ זְכוּת וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

הָאסְט אַוַודַאי גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נַייעֶס, אִיךְ הָאבּ אַ שִׁידוּךְ גֶעטוֹן מִיט מַיין טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳, מִיט הַבָּחוּר הַחָשׁוּב הֶחָתָן הָרַב ... שְׁלִיטָ״א, בֶּן הָרַב .... דֶער חָתָן אִיז אַ חָשׁוּבְ׳עֶר תַּלְמִיד פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, עֶר קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה; דִי עֶלְטֶערְן זַיינֶע זֶענֶען גְרוֹיסֶע מֵפִיצִים, שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶער יָאר וָואס זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, בַּיי מִיר אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער גֶעוִוינְס.

בַּיי אֵיינֶעם אִיז חָשׁוּב גֶעלְט, מֶען זוּכְט בַּיי שִׁידוּכִים אַ גֶעלְט מִשְׁפָּחָה; בַּיי אֵיינֶעם אִיז חָשׁוּב כָּבוֹד, מֶען זוּכְט אֲנָשִׁים מְכֻבָּדִים; בַּיי אֵיינֶעם אִיז חָשׁוּב צוּ זַיין אַ רֶבִּי וְכַדוֹמֶה, בַּיי מִיר אִיז דָאס גְרֶעסְטֶער כִּבּוּד - זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אַ מִשְׁפָּחָה וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע תַּכְלִית אִין צִיל אִיז אֵיין זַאךְ, לְאוֹקְמָא שְׁכִינְתָּא מֵעַפְרָא, אוֹיפְהֵייבְּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה פוּן דֶער עֶרְד, אַרַיין צוּ שַׁיינֶען דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע נְפָשׁוֹת, לְהַשְׁקוֹת צְמֵאֵי חַסְדְּךָ מִנַּחַל נוֹבֵעַ.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אוֹיף דֶעם גַאנְג, ׳וָואס נָאךְ קֶען מֶען טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד?׳ און אַלֶע מַיינֶע מְחוּתָּנִים זֶענֶען כָּל כּוּלוֹ הֲפָצָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, וֶוער נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט פוּן קֵיינֶעם, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם -

**וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ מְשַׁמֵּשׁ פַאר'ן רֶבִּי'ן בְּזֶה וּבַבָּא.**

**...**

בעזהשי"ת

# ואלו שמותם!

פאלגענד זענען די ראשונים לדבר מצוה וועלכע האבן זיך שוין משתתף געווען בעין יפה, און זיך איינגעהאנדלט

# זכותים אדירים

לקראת המגבית 'קבל ומסרה'

## זכות מהדורה

מוה"ר **אלי' ציג** הי"ו ושותפיו
וויליאמסבורג, וויזניץ קיימישע

מוה"ר **יענקי פיש** הי"ו
בארא פארק

**הרוצה בעילום שמו**
וויליאמסבורג

מוה"ר **מנחם זאב שטערן** הי"ו
סטעטן איילענד

מוה"ר **שמעון ראטה** הי"ו
וויליאמסבורג

מוה"ר **שמואלי'ק בלעדי** הי"ו
בארא פארק

מוה"ר **שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו
קרית ברסלב

בלויז איין מהדורה פארבליבן!

## זכות יום טוב

זכות ראש השנה
מוה"ר **משה גאטליב** הי"ו
קרית יואל

זכות סוכות
מוה"ר **אברהם יצחק אייזנער** הי"ו
וויליאמסבורג

זכות חנוכה
מוה"ר **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו
וויליאמסבורג

זכות שבועות
**לזכות הראש ישיבה** שליט"א
קרית ברסלב

זכות פסח
מוה"ר **אהרן פיש** הי"ו
בארא פארק

בלויז צוויי זכותים פארבליבן!

## זכות פרשה

זכות פרשת בראשית
מוה"ר **נתנאל פארקאש** הי"ו
קרית יואל

זכות פרשת חיי שרה
מוה"ר **יענקי איידליס** הי"ו
וויליאמסבורג

זכות פרשת וישלח
מוה"ר **אלימלך שארף** הי"ו
בארא פארק

זכות פרשת מקץ
מוה"ר **יצחק משה רייך** הי"ו
בארא פארק

זכות פרשת יתרו-קבלת התורה

זכות שם מהדורה
$5,000




# אידלי בוידך ספעשל

האנדלט זיך איין זכותים אינעם ספר
**ביז ראש חודש תמוז**
און באקומט די קונטרס בריוון
פונעם ראש ישיבה שליט"א - תשס"ט

## כאפט אייך מיט!




מוה"ר **חיים יוסף ראזענבערג** הי"ו
ווילאמסבורג

זכות פרשת תרומה
מוה"ר **זושא פריעדמאן** הי"ו
מאנסי

זכות פרשת ויקרא
מוה"ר **אהרן פיש** הי"ו
בארא פארק

זכות פרשת שלח
מוה"ר **אלי קנאלל** הי"ו
טשעסטער רידזש

זכות פרשת בהעלותך
מוה"ר **שמואל אליעזר פערל** הי"ו
לאנדאן

זכות פרשת מטות-מסעי
מוה"ר **נחמן נתן קרויס** הי"ו
ווילאמסבורג

זכות פרשת ואתחנן-נחמו
מוה"ר **הערשל שניצלער** הי"ו
קרית ברסלב

זכות פרשת נצבים-וילך
מוה"ר **יואל טייטלבוים** הי"ו
קרית יואל

זכות פרשת האזינו
מוה"ר **שמעון אשרי** הי"ו
מאנסי



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com